בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

אמור - ל"ג בעומר תשפ"א

גליון 40



אַייֶערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין דִי טֶעג פוּן עֶרֶב ל"ג בָּעֹמֶר. לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן טָאג, וֶועלְן מִיר אַרָאפּבְּרֶענְגֶען דֶער מוֹרָא'דִיגֶער הִסְתַּלְקוּת וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַזֹּהַר אִין דִי חֵלֶק וָואס הֵייסְט "אִדְּרָא זוּטָא". אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר אִיז מְסוּגָל צוּ מַאכְן חֵשֶׁק אוּן גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ אַלֶע סָארְטְן לִמּוּדִים פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, דֶער הֵיילִיגֶער לָשׁוֹן טוּט זֵייעֶר עֶרְוֶועקְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אֲפִילוּ זָאגְן זֹהַר אָן פַארְשְׁטֵיין אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל.

**תָּאנָא, בְּהַהוּא יוֹמָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בָּעָא לְאִסְתַּלְקָא מִן עָלְמָא, וְהֲוֵה מְסַדֵּר מִלּוֹי, אִתְכְּנָשׁוּ חַבְרַיָּא לְבֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן, וַהֲווֹ קַמֵּיהּ, רַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵיהּ, וְרַבִּי אַבָּא וּשְׁאָר חַבְרַיָּא, וַהֲוָה מַלְיָא בֵּיתָא:**

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אַז אִין דֶער טָאג וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעוָואלְט נִסְתַּלֵּק וֶוערְן פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע רֵייד. דָאס מֵיינְט עֶר הָאט בַּאפוֹילְן זַיינֶע שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט פוּן דֶער וֶועלְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ מְגַלֶּה זַיין אִין דֶעם טָאג.

דִי חֲבֵרִים הָאבְּן זִיךְ פַארְזַאמְלְט אִין רֶבִּי שִׁמְעוֹנְ'ס הוֹיז צוּ הֶערְן פוּן אִים סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּן צוּ זַיין בִּשְׁעַת עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן רֶבִּי אַבָּא אוּן נָאךְ חֲבֵרִים, דִי הוֹיז אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט חַכְמֵי הַדּוֹר וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

**זָקִיף עֵינוֹ רַבִּי שִׁמְעוֹן;** רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזֶען אַז דָאס הוֹיז אִיז פוּל מִיט בַּאזוּכֶער, הָאט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינְט פַארְוָואס דִי שְׁכִינָה - וָואס פְלֶעגְט זִיךְ גֶעוֶוענְדְלִיךְ מְגַלֶּה זַיין מִיט פֵייעֶר - הָאט זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט דֶערְפַאר הָאבְּן אַלֶע גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אָן רְשׁוּת. עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אַן אַנְדֶערְ'ס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין קְרַאנְק גֶעוֶוען אִיז רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר מִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְטְס מְבַרֵר גֶעוֶוען בַּיי אֲחִיָּה הַשִּׁלוֹנִי הַנָּבִיא וואוּ מַיין פְּלַאץ וֶועט זַיין אִין גַּן עֵדֶן, הָאט עֶר צוּגֶעוַוארְט בִּיז יֶעצְט אוּן מֶען הָאט מִיר צוּגֶעגֶעבְּן יָארְן צוּ לֶעבְּן".

וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן גַּן עֵדֶן אוּן גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אִיז זַייט דֶעמָאלְט אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אַרוּם מִיר אַ פֵייעֶר אוּן זִיךְ קַיינְמָאל אָפְּגֶעטוּן, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען אִין מַיין שְׁטוּבּ נָאר מִיט רְשׁוּת, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס פֵייעֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן, דֶערְפַאר אִיז דָאס הוֹיז פוּל מִיט בַּאזוּכֶער.

וִוילַאנְג אַלֶע חֲכָמִים זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעצְן הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעעֶפְנְט זַיינֶע אוֹיגְן צוּ זֶען גֶעטְלִיכֶע מַרְאוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען - דָאס מֵיינְט גִלּוּי שְׁכִינָה - גְלַייךְ הָאט אַ פֵייעֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען אַלֶע חֲכָמִים וָואס זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִין דָאס הוֹיז, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען דָאס פֵייעֶר אוּן אַלֶע חֲכָמִים זֶענֶען אַרוֹיס, עֶס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן נָאר רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן רֶבִּי אַבָּא אַלֵיין, אַלֶע אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִינְדְרוֹיסְן אוּן דָארְט צוּגֶעוַוארְט צוּ זֶען וִויאַזוֹי עֶס וֶועט פָארְקוּמֶען דֶער הִסְתַּלְקוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

**אָמַר רֶבִּי שִׁמְעוֹן לְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּרֵיהּ** - רֶבִּי

המשך אויף זייט 5

# דעם רבי'נס לייט




אַ פְּרֵייד הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים פוּן דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ אוּן דֶערְפְלֶעךְ אַרוּם פּוֹילְן, אַ גוּטֶע שְׁמוּעָה הֶערְט זִיךְ אִין דִי לוּפְטְן, אַז ר׳ יִשְׂרָאֵל הַיילְפְּרִין (קַארְדוּנֶער) זַצַ"ל אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ ה׳ צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן זַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּרִיק קַיין פּוֹילְן. דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָּה אוּן תִּיקוּן אֲפִילוּ נָאר צוּ גֵיין דָארְט אַפָּאר טְרִיט. דֶערִיבֶּער פְלֶעגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אַרוּמְגֵיין מִיט אַ גְרוֹיסֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּ פָאְרן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן הָאבְּן אַסַאךְ גֶעהָאפְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער זוֹכֶה זַיין דָארְט אָנְצוּקוּמֶען אֲפִילוּ נָאר אוֹיף אַ בַּאזוּךְ.

ווִי נָאר דִי שְׁמוּעָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט יֶעדֶער גֶעוַוארְט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט ר׳ יִשְׂרָאֵל זַצַ"ל אוּן הֶערְן פוּן אִים אַבִּיסְל וֶועגְן זַיין נְסִיעָה, צוּ בַּאקוּמֶען אַ גְרִיס פוּן הֵיילִיג לַאנְד. אוֹיךְ ר׳ יִצְחָק בְּרֵייטֶער הי"ד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶער מַשְׁפִּיעַ אִין וַוארְשֶׁע, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַז עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר נַייֶע מְקֹרָבִים צוּם רֶבִּי'נְ'ס אוֹר, מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס עֶר פְלֶעגְט אִיבֶּערְגֶעבְּן, וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט אֱמֶת אוּן תְּמִימוּת הָאט בַּאנוּמֶען וֶוער עֶס הָאט אִים נָאר גֶעהֶערְט. אוֹיךְ עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ כִּסוּפִין אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט אַרוֹיפְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט ר׳ יִשְׂרָאֵל הַיילְפְּרִין. דִי גֶעלֶעגְנְהַייט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעזֶעצְן וֶוען ר׳ יִשְׂרָאֵל דֶערְצֵיילְט וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן ר׳ יִצְחָק שְׁלִינְגְט יֶעדֶעס וָוארְט.

אַזוֹי שְׁמוּעסְנְדִיג הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן ר׳ שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִין מִירוֹן ל"ג בָּעֹמֶר, דִי שִׂמְחָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת וָואס דָארְט קוּמְט פָאר קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן. דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מֶער ווִי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, וֶוען עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען קַיין מִירוֹן ל"ג בָּעֹמֶר אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, צְפַת אוּן טְבֶרְיָה, מִיט זֵייעֶרֶע דְרֵיי יָארִיגֶע חַאלַאקֶע אִינְגְלֶעךְ, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, נָאכְן פָארְן אַ וֶועג פוּן אִיבֶּער אַ וָואךְ. דִי אַרַאבִּישֶׁע אַיינְוואוֹינֶער פוּן דִי דֶערְפְלֶעךְ אַרוּם מִירוֹן פְלֶעגְן קוּמֶען דָארְט שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶרֶע מוּזִיק, דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ אִידְן פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת בַּיים צִיּוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת.

מֶען זִינְגְט דָארְט עֶקְסְטֶערֶע שֵׁיינֶע לִידֶער לְכָבוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן, הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל דֶערְצֵיילְט אוּן הָאט גֶעזוּנְגֶען פַאר ר׳ יִצְחָק דֶעם זֶמֶר "בַּר יוֹחַאי" דֶער בַּאקַאנְטֶער נִיגוּן וָואס מִיר זִינְגֶען יֶעדְן ל"ג בָּעֹמֶר, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אִים גֶעזוּנְגֶען דֶעם זֶמֶר "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי" וָואס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט דִי א-ב מִיט שֵׁיינֶע שְׁבָחִים אוֹיף רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. דֶער זֶמֶר הָאט ר׳ יִצְחָק זֵייעֶר בַּאנוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אִיבֶּערַאשְׁט: "אַזַא לִיד דַארְף מֶען אוֹיךְ מַאכְן פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן". אַזוֹי אוּנְטֶער דֶעם אַיינְדְרוּק פוּן דֶעם זֶמֶר אֲדוֹנֵינוּ בַּר יוֹחַאי, הָאט ר׳ יִצְחָק אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ מַאכְן אַזַא לִיד אוֹיךְ אוֹיפְן רֶבִּ'ין,



מִיטְן פִּזְמוֹן "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי אֲדוֹנֵינוּ מְקוֹר חָכְמָה"...

בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל / אֲשֶׁר לֹא הִשְׁבִּית לָנוּ גוֹאֵל / הָאט ר' יִצְחָק אָנְגְעהוֹיבְּן זִינְגֶען, מִיט גְרוֹיס דאַנְק און לוֹיבּ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא רֶבִּי'ן וָואס לֵייזְט אוּנְז אוֹיס בְּרוּחָנִיּוּת און בְּגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי אִיז ר' יִצְחָק גֶעגַאנְגֶען פוּן אוֹת צוּ אוֹת, בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער שֵׁיינֶער נִיגוּן "שִׁיר יְדִידוּת" וָואס מֶען זִינְגְט נָאךְ בִּיז הַיינְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אַרוּם דֶער וֶועלְט.

וֶוען ר' יִצְחָק הָאט דָאס גֶעזוּנְגֶען פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא אַז עֶר גֶעמַאכְט דֶער נִיגוּן ווייל עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בַּעַל מְנַגֵּן, נָאר בַּיי דֶעם נִיגוּן, הָאבְּנְדִיג אַ שְׁטַארְקֶע ווילְן צוּ מְפַרְסֵם זַיין דֶעם צַדִּיק הָאט זִיךְ אִים דָאס אַרוֹיסְגֶעזִינְגֶען

ס'אִיז דָא אַ גֶעוִויסֶע צוּגְלַייךְ צְווִישְׁן דֶעם זֶמֶר "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי" צוּם "שִׁיר יְדִידוּת" צ.ב.ש.:

"בַּר יוֹחַאי בְּקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים קַו יָרוֹק מְחַדֵּשׁ חֲדָשִׁי"ם פוּן זֶמֶר פוּן ר' שִׁמְעוֹן צוּ:

"צִיּוּנוֹ הַקָּדוֹשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים בְּכָל עֵת וָרֶגַע מְחַדֵּשׁ חֲדָשִׁים" וָואס ר' יִצְחָק הָאט גֶעשְׁרִיבְּן.

אַזוֹי אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ וואוּ מֶען קֶען זֶעהְן אַז ר' יִצְחָק הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אוּנְטֶערְן רֹשֶׁם פוּן דֶעם זֶמֶר "וַאֲמַרְתֶּם" וָואס ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶר הָאט אִים גֶעזוּנְגֶען.

ר' מָאטְל יַאגְלְנִיק זַצַ"ל וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער, הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען ר' יִצְחָק הָאט גֶעזוּנְגֶען דָאס לִיד צוּזַאמֶען מִיט דִי חֲבוּרָה פוּן דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטִיקְל: טָעֲמְנוּ כִּי טוֹב סַחְרָהּ / לֹא יִכְבֶּה בַּלַּיְלָה נֵרוֹ/ הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דִי שְׁטִיקְל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס הָאט עֶר אִין דִי גַאנְצֶע זֶמֶר נִישְׁט דֶערְמַאנְט ר' נָתָן זַצַ"ל? עֶר אִיז בַּאלְד נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן און תֵּיכֶּף אוֹיפְן פְּלַאץ צוּגֶעלֵייגְט דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי שְׁטִיקְל: עוֹלָם נֵלֵךְ לְאוֹרוֹ / עַל יְדֵי ר' נָתָן תַּלְמִידוֹ / און מִיט דֶעם אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְעֶנְדִיגְט גֶעוָוארְן דָאס לִידְל.

דִי לִיד הָאט זֵייעֶר בַּאנוּמֶען וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעהֶערְט, מֶען הָאט דָאס אִין אָנְהוֹיבּ גֶעדְרִיקְט אוֹיף אַ בְּלַאט און ר' יִצְחָק פְלֶעגְט עֶס זִינְגֶען אִין זְמַנִּים וֶוען מֶען אִיז גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען, וֶוען נָאךְ יֶעדֶע שְׁטִיקְל פְלֶעגְט עֶר זִינְגֶען "הוּא רַבֵּינוּ מְקוֹר חָכְמָה"... וְכוּ'...

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען דָאס שׁוֹין אַרַיינְגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעדְרִיקְט אִין פּוֹילְן, אוֹיךְ דִי זְקֵנֵי אנ"ש אִין אוּמַאן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי לִיד, ר' אַהֲרֹן לֵייבּ צִיגֶעלְמַאן זַצַ"ל הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף דֶעם נִיגוּן אַז דָאס אִיז מְעַט הַכַּמּוּת וְרַב הָאֵיכוּת.....

ר' יִצְחָק מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה הי"ד זֶענֶען לֵיידֶער גֶעהַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמוֹ בַּיים צְוֵייטְן וֶועלְטְ'ס קְרִיג, ר' יִצְחָק אִיז אוּמְגֶעקוּמֶען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע, ווייל דִי רְשָׁעִים הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן פַאר אַ "יוּדֶען פִירֶער" ווייל עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר פִיל תַּלְמִידִים. צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ אַסַאךְ צַדִּיקִים רַבָּנִים וַחֲסִידִים, אִיז ר' יִצְחָק אוּמְגֶעקוּמֶען עַל קִדּוּשׁ ה' - ה' יִנְקֹם דָמוֹ, דִי טַייעֶרֶע לִיד וָואס עֶר זִינְגְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז נִצְחִיּוּת, עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַאר אוּנְז זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין און מְעוֹרֵר זַיין מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְּדוּלָּה פוּן רֶבִּי'ן. הוּא רַבֵּינוּ מְקוֹר חָכְמָה, וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי....

(מְקוֹרוֹת: אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד, שְׁאֵרִית יִצְחָק)

## א וויכטיגע מודעה

עס שטייט אין ליקוטי תפלות, אז די תפלה וואס רבי נתן האט געשריבן אויף רבי שמעון (תפלה מ"ז חלק שני) קען מען זאגן אין די גאנצע וועלט, אפילו מען איז נישט אין מירון, אזוי אויך יעדע צייט נישט נאר ל"ג בעומר.




אזוי ווי עס איז באקאנט אז ברסלב'ער חסידים פלעגן אלע יארן ביז היינט צו טאגס זיין פון די שטענדיגע באזוכער אין הייליגן דארף מירון ביים תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי.

איינער פון די פלאם פייערדיגע יושבים וועלכער פלעגט אסאך זיצן ביי רבי שמעון'ען איז געווען דער דערהויבענער ברסלב'ער חסיד ר' שמואל הורביץ זי"ע.

לאמיר כאפן א שפאציר און צוזאם קלייבן אביסל פון זיינע זכרונות וואו ער גיבט ארויס זיינע געפילן פון זיינע באזוכן ביי רבי שמעון און זיין נסיעה צו מירון. באשריבן אין זיין ספר ימי שמואל וואו ער אליין האט געשריבן א טאג-בוך פון זיין לעבנ'ס געשיכטע מיט מורא'דיגע געפילן ארום און ארום.

ער דרוקט זיך אויס (ימי שמואל ח"ג י"א) "מען קען זיך בכלל נישט פארשטעלן און ארויסברענגען די התעוררות און ביטול צום אויבערשטן וואס מען באקומט ביי רבי שמעון, מען קען דאס נישט רעכענען און שאצן, אין אפאר טעג וואס איך טוה דארט אין עבודת ה' איז מער פון אפאר חדשים אין שטוב."

די התעוררות וואס בלייבט אין מיין מח יעדן מאל ווען איך פאר אוועק פון דארט ווייל איך ווער דארט איבערגעדרייט צו א אנדער מענטש און איך שפיר אין מיר מיין נידריגקייט און מיין ווייטקייט פון השם יתברך, מיין גאנצע שטרעבן איז צו דאווענען און טון אין עבודת ה'.

אוודאי בין איך זוכה גאר אסאך יעדעס מאל וואס איך בין דארט, בפרט אז איך קען מער ארויס רעדן דבורי התבודדות און תפלה מיט א התעוררות מיט בענקשאפט פון טיפעניש פון הארץ. ביי רבי שמעון ווערט בטל ביי מיר אלע ענייני עולם הזה און עס איז ביי מיר א בחינה פון עולם הבא ממש א טעם גן עדן. עס איז דערפאר אוודאי כדאי צו צוברעכן אלע מניעות שבעולם...

ווייטער צושרייבט ער זיך: "והכלל עס איז נישט דא אין די גאנצע וועלט אזא עבודת ה' אזוי ווי אין מירון הקדוש והנורא. הלוואי זאל איך אין עולם הבא האבן נישט ווייניגער חיות ותענוג וואס איך האב יעדן מאל וואס איך בין אין מירון...".

פון די אנדערע זייט מוז מען אבער אויכעט זען דאס וואס ער שרייבט אין א צווייטע פלאץ (אות כ"ב)... "דאס איז שוין לאנג באקאנט אז עס איז זייער שווער צו פארטראגן צו זיין ביי רבי שמעון, פאר די גוף איז שווער צו מקבל זיין אויף זיך דעם עול פון עבודת ה', אפילו מען האט דארט כל מעדני עולם און מען איז נישט עוסק בעבודת ה' ווייל ראית פני הצדיק אליין מאכט ריין די בלוט און די גשמיות הגוף... און וועגן דעם שפירט מען נישט די עבודה, פונקט פארקערט עס קוקט אויס אז מען דינט נישט דער אויבערשטן בכלל און מען איז ווייט פון השם יתברך און עס איז שווער צו פארטראגן צו זיין דארט, און וועגן דעם על פי רוב קומען מענטשן אויף א פאר מינוט און גלייך אנטלויפט מען כאילו מען יאגט ארויס פון דארטן. נאר דער וואס האט גרויס עקשנות עקשנ'ט זיך און האלט זיך אפ דארט... אבער גלייך ווען מען פארט אוועק פון דארט הייבט מען אן זיך בענקען און משתוקק זיין מיט כלות הנפש און מען הייבט אן שפירן אזוי ווי איך האב זוכה געווען אריין צו כאפן אסאך עבודת ה'...

לאמיר זען נאך איין שטיקל וואס איז א לעבעדיגע מוסטער ווי אזוי זיך צו עפענען דאס הארץ ביי רבי שמעון.

קוקנדיג אויפן הייליגן ציון איז אזוי ווי איך שמועס מיט רבי שמעון: "איר זעט דאך מיין גאנצער מהות איר ווייסט דאך בעסער פון מיר מיין חסרון און מיין תיקון. ווייל רשב"י ווייסט די מחשבות פון מענטשן, איר ווייסט מיינע וואלגערנישן און טיפענישן די מאטערניש צו קומען צו אייך און זיך אויפהאלטן ביי אייך.

און וואס זאל איך טוהן אז איך קען זיך נישט אויסגיסן מיין הארץ און מוזיל פאר אייך אזוי ווי עס דארף צו זיין, איך אליין ווייס נישט וואס עס פעלט מיר. דערפאר האב איך געטוהן מיינס מיטן קומען מיט מוטשעניש און מאטערניש, איך האב צוגעגרייט מיין הארץ און מיין מויל צו רעדן וואס איך וועל קענען, טוהט'ס אייך אויכעט די פליכט וואס ליגט אויף אייך מיר צו העלפן, אזוי ווי איר ווייסט די ישועה וואס איך דארף, צו ראטעווען מיין זעל, מיין רוח און נשמה צו זוכה זיין צו וואס מען דארף זוכה זיין...

המשך פון זייט 1

שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר, גֵיי אַרוֹיס אוּן זֶע אוֹיבּ רֶבִּי יִצְחָק אִיז דָא, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ עַרְבוּת אִים מִיטְצוּנֶעמֶען מִיט מִיר אִין גַּן עֵדֶן, זָאג אִים עֶר זָאל בַּאפֶעלְן (לָאזְן צַוָּאָה) זַיין בְּנֵי בֵּית אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף טוּן פַאר מֶען שְׁטַארְבְּט, דֶערְנָאךְ זָאל עֶר זִיצְן לֶעבְּן מִיר, וַוייל וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אִין מַיין מְחִיצָה הָאט מֶער נִישְׁט קַיין רְשׁוּת אַרוֹיסְצוּגֵיין אוּן עֶר זָאל גָארְנִישְׁט רֶעדְן. ווּאוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק, אַז עֶר אִיז זוֹכֶה מִיטְצוּגֵיין מִיט מִיר אִין גַּן עֵדֶן.

**קָם רֶבִּי שִׁמְעוֹן** - רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן לְכָבוֹד דִי שְׁכִינָה אוּן נִשְׁמוֹת הַצַּדִיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט, גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּם אָנְקוּם פוּן דִי שְׁכִינָה. רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן וֶוען עֶר גֵייט יֶעצְט מְגַלֶה זַיין דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט פַאר זַיין חֵלֶק אוּן אַיינְגֶעלַאדְנְט דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעפִינֶען בַּיים אִדְּרָא צוּ הֶערְן דִי סוֹדוֹת וָואס עֶר גֵייט מְגַלֶה זַיין.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר מְגַלֶה גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת.

**אָמַר רֶבִּי אַבָּא:** "דֶער הֵיילִיגֶער לִיכְט - רֶבִּי שִׁמְעוֹן - הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ עֶנְדִיגְן דָאס וָוארְט חַיִּים פוּן פָּסוּק "כִּי שָׁם צִוָּה ה' אֶת הַבְּרָכָה", וַוייל פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעהַאלְטֶן פוּן זָאגְן דָאס וָוארְט חַיִּים", זָאגט וַוייטֶער רֶבִּי אַבָּא: אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הֶערְן נָאךְ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן שְׁרֵייבְּן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעהֶערְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מַיין קָאפּ צוּ זֶען פַארְוָואס עֶר רֶעדְט מֶער נִישְׁט, וַוייל דָאס פֵייעֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, בִּיז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן דָארְט ווּאוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען, אִינְצְוִוישְׁן בִּין אִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶעשְׁוֹידֶערְט גֶעוָוארְן וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט א קוֹל פוּן אוֹיבְן וָואס רוּפְט אוֹיס "אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ", דֶערְנָאךְ אִיז אַרוֹיס נָאךְ אַ קוֹל: "חַיִּים שָׁאַל מִמְּךָ".

בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג הָאט דָאס פֵייעֶר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעטוּן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ דֶערְוַוייגְן צוּצוּגֵיין זֶען וָואס עֶר גֵייט פָּאר מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן, וַוייל דָאס פֵייעֶר אוּן לִיכְט הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט דֶעם גַאנְצְן טָאג.

מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן פוּן גְרוֹיס צַעַר: אַזוֹי זָאגְט רֶבִּי אַבָּא.

וֶוען דָאס פֵייעֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער לִיכְט אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, מִיר הָאבְּן אִים גֶעזֶען אֵיינְגֶעוִויקְלְט אִין אַ טַלִּית אוּן עֶר הָאט שְׁמֵייכְלְט.

אַסַאךְ תַּלְמִיד חֲכָמִים זֶענֶען אִים גֶעקוּמֶען גֶעבְּן דֶעם לֶעצְטְן כָּבוֹד. עֶס אִיז אַרוֹיס פוּן הוֹיז גָאר שְׁמֶעקֶעדִיגֶע רֵיחוֹת פוּן דִי בְּשָׂמִים פוּן גַּן עֵדֶן וֶועלְכֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דִי צַדִיקִים פוּן גַּן עֵדֶן וָואס הָאבְּן אִים מְקַבֵּל פָּנִים גֶעוֶוען. עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ קְרִיגֶעַריי צְוִוישְׁן דִי גִּבּוֹרִים פוּן צִפּוֹרִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט מִיט כֹּחַ אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע מִטָּה צוּ זֵייעֶר דֶערְפְל, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן מִירוֹן הָאבְּן זֵיי אַוֶועקְגֶעשְׁטִיפְּט אוּן זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן.

כְּדֵי אָפְּצוּשְׁטִילְן דִי קְרִיגֶעַרייעֶן הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַן אָפֶענֶער נֵס אַז דִי בֶּעט פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַרוֹיף אִין דִי לוּפְטְן אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן דָאס גֶעטְרָאגְן בַּאגְלֵייט מִיט אַ פֵייעֶר זוֹיל. עֶס אִיז דַאן אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס אַלֶע הָאבְּן גֶעהֶערְט: **"עוּלוּ וְאָתוּ וְאִתְכְּנָשׁוּ לְהִילוּלָא דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן - קוּמְט אַלֶע זִיךְ פַארְזַאמְלֶען אֲפִילוּ דִי רְחוֹקִים צוּ דִי שִׂמְחָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן!"**

# דעם דבי'נס נסיעה




מער ווי אלע סכנות וואס האט ארומגענומען דעם רבי'ן מיט זיין באגלייטער פון אלע זייטן אויפן שיף, האט ער זיך געזארגט איבער זיין עבודת ה' ווי אזוי ער וועט קענען ווייטער מקיים זיין די אלע מצוות פון די תורה ווי ציצית און תפילין סוכה א.ד.ג. אויב מען וועט אים ח"ו פארקויפן פאר א קנעכט. דאס האט דעם הייליגן רבי'ן זייער דערשראקן, דער קאפיטאן האט נישט גערעדט מיט זיי קיין איין ווארט ווייל זיי האבן נישט פארשטאנ־ען איינער דעם צוויטנ'ס שפראך, אבער זיי האבן שוין געוואוסט דעם שטייגער פון די קריג'ס שיפן וואס פארן איבערן ים, אז וועמען זיי כאפן אויפן שיף פארקויפן זיי פאר קנעכט אין ווייטע לענדער, דעריבער האט דער רבי געהאט גרויס צער פון דעם, און האט אסאך געט־ראכט עצות וואס ער קען טון, ביז ער האט זוכה געווען צו אויפקומען אויף א הייליגע גרויסע השגה ווי אזוי צו קענען אייביג דינען דעם באשעפער און מקיים זיין אלע מצוות התורה אפילו ער וועט זיין אליין פארקויפט אין דער פרעמד ח"ו.

דער רבי האט געזאגט, אז ער משיג געווען די הייליגע עבודה פון די אבות הקדושים, וואס האבן געדינט דעם אויבערשטן נאך איידער מען האט באקומען די תורה. עס איז באוואוסט אז די הייליגע אבות "אברהם יצחק יעקב" האבן מקיים געווען די גאנצע תורה, כאטש זיי האבן נישט געהאט די הלכות און דינים וואס מיר האבן, אזוי ווי עס שטייט אז יעקב אבינו האט מקיים געווען מצוות תפילין מיט שטעקענעס וואס ער האט צוטיילט, און אויך אזוי אלע מצוות התורה האבן זיי אזוי מקיים געווען, און דער רבי האט זוכה געווען צו קומען אויף די געוואלדיגע השגה פון די אבות הקדושים, מיט זיין שטארקער רצון צו דינען דעם אויבערשטן אז אויב מען וועט אים ח"ו פארקויפן, אוואו ער וועט נאר זיין וועט ער קענען מקיים זיין אלע מצוות התורה, יהיה מה שיהיה.

פערצן טעג אין ניסן ערב פסח, באלד נאך ווען דער רבי האט זוכה געווען צו די געוואלדיגע השגה, איז די שיף אנגעקומען צו א גרויסע מדינה וואס שטייט אויף א גרויסע אינזל אינמיטן ים, מיטן נאמען ראדיש (רו־דוס) וועלכע איז געווען באקאנט אז עס וואוינען דארטן גרויסע אידישע קהילות, דער רבי מיט זיין באגלייטער זענען געווען מלא שמחה ווען זיי האבן דאס געזען, מיטן האפענונג אז אפשר וועלן זיי נאך זוכה זיין צו קויפן מצות פאר פסח, און וויין פאר די פיר כוסות, צו קענען פירן א סדר נאכט אויפן שיף.

זיי האבן געטראכט אפשר צו בעטן די מאטראסן וואס גייען אריין אין שטאט זיי זאלן קויפן וואס זיי דארפן, עס האט זיי נישט געקענט ארויפגיין אויפן געדאנק, אז דער קאפיטאן זאל זיי לאזן אראפגיין פון שיף, עס איז געווען קלאר ביי זיי אז זיי זענען פארכאפט אויפן שיף.

ערב פסח צופרי, ווען זיי האבן אבער געזעהן אז דער קאפיטאן מיט אפאר ישמעאלים גרייטן זיך צו ארויספארן מיט א קליין שיפל צו די מדינה, זענען זיי צו־געגאנגען צום קאפיטאן, און אים געבעטן ברויט צו עסן, זיי האבן אים פראבירט מרמז זיין אז זיי ווילן קויפן עסן אין שטאט, האט זיי דער קאפיטאן אויך געענטפערט מיט תנועות און זיי מרמז געווען אז יא דא אין שטאט איז דא אידן און מען קויפן עסן פאר אייך, לב מלכים ושרים ביד ה', דער דערבארעמדיגער באשעפער האט צוטומלט און פארדרייט דעם קאפיטאנ'ס הארץ ביז ער האט ארויסגעזאגט פון מויל אן קיין דעת אז איינער פון זיי קען אראפפארן מיט זיי אין שטאט קויפן ברויט פארן וועג.

דאס איז געווען א מורא'דיגע ישועה, זיי האבן נישט געקענט טראכטן אויף בעסערס פון דעם, אזוי וועלן זיי קענען מודיע זיין פאר די אידן אין די קהילה וואס גייט פאר מיט זיי, אז זיי זענען פארכאפט אויף אן אראבי־שע שיף, אפשר וועט מען קענען זיי ראטעווען. דער מענטש פון רבי'ן איז באלד געפארן מיטן שיפל און אריינגעקומען אין שטאט, ווען די גאנצע צייט באגלייט אים איינער פון די אראבער'ס פון שיף, א שומר אים צו היטן, ער זאל נישט אנטלויפן. די גאנצע וועג צום שטאט, איז דער באגלייטער אויך געווען אין א גרויסע סכנה, ווייל אין אזא צייט פון מלחמה, יעדער פרעמדער מענטש וואס מען טרעפט אריינקומען אין די מדינה קען מען אים חושד זיין אלץ א שפיאן, אים כאפן און איינ־שפארן אין תפיסה, דער רבינ'ס מענטש איז געגאנגען אנגעטוהן קליידער וואס מען האט באלד דערקענט אז ער איז נישט פון די דארטיגע איינוואוינער דא, נאר פון ערגעץ א ווייטע מדינה, אבער בחסדי ה' איז ער אריבער אלע היטערס פון אלע טויערן פון שטאט, און זיי האבן אים גארנישט געטוהן קיין שלעכטץ.



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

## ל"ג בעומר תש"פ אויפן וועג צום הייליגן דארף מירון

פָאריגע יאָר ל"ג בָּעֹמֶר תש"פ הָאט לַיידער אויסגעזען אַז מען וועט נִישְׁט קענען פָארְן קיין מִירוֹן, אָבֶער אִיךְ הָאב דָאס נִישְׁט געקענְט אויסְהַאלטְן, הָאב אִיךְ אִין דִי נַאכְט פון ל"ג בָּעֹמֶר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צום בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל יָא קענֶען זַיין אִין מִירוֹן און אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי, הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזֶעגְט אַז מַיין פֶּעטֶער וָואס הָאט אַן אוֹטאָ וֶועט אוּנְז קֶענֶען טְרָאגְן צו אַ דֶערְפְל דֶערְנֶעבְּן, מִיר הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעלָאזְט, אָבֶער אוֹיפְן וֶועג הָאט אוּנְז אַ צְוֵוייטֶער פֶּעטֶער גֶעקְלִינְגֶען זָאגְן אַז מִיר זָאלְן בֶּעסֶער צוּפָארְן צו עֶפֶּעס אַ בַּארְג נֶעבְּן מִירוֹן און פוּן דָארְט קֶען מֶען זֶען מִירוֹן.

מִיר זֶענֶען טַאקֶע אַהִין גֶעפָארְן, וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּגֵיין דִי בַּארְג וֶוען אִינְמִיטְן הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט נָאךְ אַ גְרוּפֶּע אַנַ"שׁ אַזוֹי אוֹיךְ אַ בָּחוּר אִין מַיין יָארַגַאנְג, זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען, גֶעגַאנְגֶען און גֶעגַאנְגֶען בִּיז מִיר זֶענֶען עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צום שְׁזִיפְּרוֹן גַאס וֶוען בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט הָאבְּן מִיר גֶעזֶען פְלִיגֶערְס, עֶרָאפְּלַאנֶען, פָּאלִיצֵיי לֶעמְפְּלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעשַׁיינְט און גֶעפִּיפְּן צו אוּנְז, אָבֶער מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר גֶעגַאנְגֶען

וַוייטֶער.

וֶוען מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִין מִירוֹן הָאט מַיין טַאטֶע גֶעקְלִינְגֶען פְרֶעגְן מַיין פֶּעטֶער וואו עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט, הָאט עֶר אוּנְז גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מַמָשׁ אוֹיפְן בַּארְג נֶעבְן צִיוּן, עֶר זֶעט נִישְׁט יֶעצְט קַיין פָּאלִיצֵיי וַואךְ אִין דִי גֶעגְנְט אַרוּם, עֶס זֶעט אִים אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צו אַרוֹיפְקוּמֶען.

מִיר הָאבְן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן מִיר זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דִי גַאס וֶוען פְּלוּצְלִינְג זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּלוֹיפְן פוּן אַלֶע זַייטְן פָּאלִיצֵיי און מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַפָּאר אִינְגֶעלַייט, אָבֶער אִיךְ מִיטְן אַנְדֶערְן בָּחוּר זֶענֶען אַרַיינְגֶעלָאפְן בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּב מִיט נִיסֵי נִסִים זֶענֶען מִיר נִישְׁט אַרֶעסְטִירְט גֶעוָוארְן.

אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַ שָׁעָה צְוֵויי און מִיר הָאבְן גֶעהֶערְט אַז אַ קְבוּצָה אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן יֶעצְט אַרוֹיף, הָאבְן מִיר זִיךְ מִיטְגֶעכַאפְּט מִיט זֵיי וֶוען פוּן אַלֶע זַייטְן הָאבְן גֶעשְׁטְרָאמְט חַאלַאקֶע אִינְגְלֶעךְ מִיט זֵייעֶרֶע טַאטֶעס און נָאךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן.

מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט עֶפֶּעֶנֶען שְׁטוּפְּן און רוּקְן דִי טִירְן אַייזֶענֶעס, א.א.וו. וֶוען בְּחַסְדֵי ה' הָאט מֶען גֶעעֶפְּנְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹנְ'ס צִיוּן, אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט און נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צו טוּן, אִיךְ הָאב קוֹדֶם גֶעגֶעבְן אַ זָאג אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים און גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאבְן דִי פָּאלִיצֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט דִי אִינְגֶעלַייט מִיט גוּטֶע קְלֶעפּ, אָבֶער אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צו זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים.

דֶערְפַאר ווַייל אִיךְ אַייךְ אַלֶע זָאגְן אוֹיבּ דָאס יָאר וֶועט אִיר בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם זוֹכֶה זַיין צו קוּמֶען צו רַבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן נִיצְט אוֹיס דִי גֶעלֶעגְנְהַייט, פַארְפַאטְשְׁקֶעט נִישְׁט דִי צַייט אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין דִי מְעָרָה זָאל מֶען שַׁאצְן יֶעדֶע מִינוּט און אַרַיינְכַאפְּן וָואס מֶער, שִׂמְחָה מִיט רִקוּדִים תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בִּזְכוּת הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָכִינוּ...

שְׁלוֹמִי

# דִּי מַעֲשֶׂה פוּן בִּטָּחוֹן

## – פוּן רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א –

### עֶר הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט: לֵיל ד' אֱלוּל שְׁנַת תקס"ו

[אַ קוּרְצֶע צַייט נָאכְן דֶערְצֵיילְן "אִין זוּמֶער שְׁנַת תקס"ו", דִּי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה 'אֲבֵידַת בַּת־מֶלֶךְ', פוּן 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת'. (דִּי דָאזִיגֶע 'מַעֲשֶׂה מִבִּטָּחוֹן' אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אִין דִּי 'גָאר־הוֹיכֶע' 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת')].

**[אוֹת א]** רַבֵּינוּ זַ"ל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: 'נָאךְ' הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט: אַ 'מַעֲשֶׂה פוּן בִּטָּחוֹן' – אוּן דָאס אִיז דִּי מַעֲשֶׂה:

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ'! – הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "וֶוער קֶען טְרֶעפְן אַזַא מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם 'דַאֲגָה' אוּן קַיין שׁוּם 'יִסּוּרִים', חוּץ מִיר; וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גוּטְס, אוּן קֶענִיג אוּן גֶעוֶועלְטִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט"!

אִיז עֶר דָאס אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען נָאכְפָארְשְׁטְן! – עֶר פְלֶעגְט גֵיין בַּיינַאכְט, אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דִּי הַייזֶער, זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִּי רֵייד פוּן דִּי וֶועלְט! – הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִּי זָארְג פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער: "אַז דֶעם פִּירְט זִיךְ נִישְׁט כְּסֵדֶר אִין גֶעשֶׁעפְט"!

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ אַנְדֶער שְׁטוּבּ, הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז יֶענֶער הָאט אַ זָארְג: "אַז עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ דֶער מַלְכוּת"! – אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַנְדֶערֶע זָארְג פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער!

**[אוֹת ב]** דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען; הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַ 'נִידְרִיג שְׁטִיבֶּעלֶע' שְׁטֵייט אִין דֶער עֶרְד – אוּן דִּי 'פֶענְסְטֶער' זֶענֶען אוּנְטְן, מַמָּשׁ נָאנְט צוּ דִּי עֶרְד – אוּן דֶער 'דַאךְ' אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן פַאלְט אַיין!

אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דָארְט זִיצְט אֵיינֶער, אוּן שְׁפִּילְט אוֹיף אַ 'פִידֶעלֶע', וָואס מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר צוּהֶערְן כְּדֵי מְ'זָאל קֶענֶען הֶערְן דָאס קוֹל; אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ; אוּן אַ 'טָאפּ מִיט מַשְׁקֶה' שְׁטֵייט פַאר אִים, אוּן דִּי 'מַשְׁקֶה' אִיז גֶעוֶוען 'וַויין', אוּן 'מַאֲכָלִים' שְׁטֵייעֶן פַאר אִים; אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, פוּל מִיט שִׂמְחָה, אָן קַיין שׁוּם זָארְג"!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין זַיין 'שָׁלוֹם' [בַּאגְרִיסְט]! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט [צוּרִיק בַּאגְרִיסְט]! – אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעזֶעהְן: דֶעם 'טָאפּ מַשְׁקֶה' מִיט דִּי 'מַאֲכָלִים' שְׁטֵייעֶן פַאר אִים! אוּן עֶר אִיז נָאר פוּל מִיט שִׂמְחָה!

הָאט עֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם 'מֶלֶךְ', עֶר זָאל אוֹיךְ טְרִינְקֶען! – אוּן עֶר [דֶער 'מֶלֶךְ'] הָאט [טַאקֶע] אוֹיךְ גֶעטְרוּנְקֶען מֵחֲמַת 'לִיבְּשַׁאפְט'!

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' דָארְט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן! – אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז נָאר פְרֵיילֶעךְ, אָן קַיין שׁוּם זָארְג"!

*

אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען! – אוּן 'עֶר' אִיז אוֹיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען! – אוּן עֶר הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם 'מֶלֶךְ'! – הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דָאס אַלֶעס"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע זַאכְן וָואס זֵיי וֶוערְן קַאלְיֶע (מְ'רוּפְט דָאס: 'נַאפְּרִיוְוקֶעס'); קַיין 'גַאנְצֶע מְלָאכָה' קֶען אִיךְ נִישְׁט, נָאר צוּ פַארְרֶעכְטְן זַאכְן וָואס וֶוערְן קַאלְיֶע; אוּן אִיךְ גֵיי מִיר אַרוֹיס אַלֶע אִינְדֶערְפְרִי, אוּן פַארְרֶעכְט עֶטְלִיכֶע זַאכְן; אוּן אַז אִיךְ זַאמְל זִיךְ צוּזַאם דֶערְפוּן, 'פִינֶעף־זֶעקְס גִילְדְן', קוֹיף אִיךְ מִיר דִּי דָאזִיגֶע אַלֶע זַאכְן פוּן 'עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען'"!

*

אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "אִיךְ וֶועל אִים דָאס קַאלְיֶע מַאכְן"!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אַ 'כְּרוּז': "אַז וֶוער ס'וֶועט הָאבְן עֶפֶּעס אַ זַאךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן, זָאל עֶר דָאס נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; נָאר עֶר זָאל דָאס אַלֵיין פַארְרֶעכְטְן, אָדֶער עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ נֵייעֶ זַאךְ"!

**[אוֹת ג]** אִינְדֶערְפְרִי: אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף זַאכְן צוּ פַארְרֶעכְטְן! – הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֶעבְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ פַארְרֶעכְטְן קַיין שׁוּם זַאךְ"! – אִיז אִים גֶעוָוארְן שְׁלֶעכְט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן! נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אִין הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַ 'גְבִיר' הַאקְט הָאלְץ"! – הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הַאקְסְטוּ הָאלְץ, אִיז דָאס דֶען דַיין כָּבוֹד"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מִיר הַאקְן דָאס הָאלְץ, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט אַלֵיין הַאקְן"!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "גֶעבּ מִיר, וֶועל אִיךְ הַאקְן"! – הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן הָאט צוּהַאקְט דָאס הָאלְץ! – אוּן דֶער גְבִיר הָאט אִים גֶעגֶעבְן דֶערְפַאר אַ 'גִילְדְן'!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז דָאס אִיז גוּט"! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען הַאקְן נָאךְ הָאלְץ! – בִּיז עֶר הָאט אַיינְגֶעזַאמְלְט 'זֶעקְס גִילְדְן'! – אוּן עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעקוֹיפְט דִּי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה! – אוּן דִּי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִיז נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן אוּנְטֶער זַיינֶע פֶענְסְטֶער! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: ״אַז עֶר זִיצְט, אוּן דִי ׳מַשְׁקֶה׳ אוּן דִי ׳מַאֲכָלִים׳ שְׁטֵייעֶן פַאר אִים, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ״!

אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶעהְן! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן אַזוֹי־וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט!

אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם ׳מֶלֶךְ׳! – הָאט אִים דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעפְרֶעגְט: ״פוּן וואוּ נֶעמְסְטוּ דָאס אַלֶעס, וַוייל דָאס קָאסְט דָאךְ גֶעלְט״?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״מַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלְטֶע זַאכְן וָואס וֶוערְן קַאלְיֶע! דֶערְנָאךְ הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גוֹזֵר גֶעוֶוען: ׳אַז מְ׳זָאל מֶער נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ פַארְרֶעכְטְן קַיין שׁוּם זַאךְ׳! – בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאקְט הָאלְץ, בִּיז אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזַאמְלְט גֶעלְט פַאר דִי סְעוּדָה״!

אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים, אוּן הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: ״אַז מְ׳זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ״!

**[אות ד]** אַזוֹי־וִוי עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּ יֶענֶעם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ! – הָאט אִים יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ׳זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ הַאקְן הָאלְץ״! – אִיז אִים גֶעוָוארְן שְׁלֶעכְט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, וַוייל סְ׳אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט פַאר דִי סְעוּדָה! נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְזִיכֶערְט אִין הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: ״אֵיינֶער רֵיינִיגְט אַ שְׁטַאל״! – הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וֶוער בִּיזְטוּ אַז דוּ זָאלְסְט רֵיינִיגְן אַ שְׁטַאל״?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ הָאבּ אַרוּמְגֶעזוּכְט, אוּן נִישְׁט גֶעפִינֶען וֶוער סְ׳זָאל מִיר רֵיינִיגְן, הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט אַלֵיין רֵיינִיגְן״!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״גֶעבּ מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר רֵיינִיגְן״! – הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן הָאט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דֶעם שְׁטַאל! – אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶערְפַאר ׳צְוֵויי גִילְדְן׳!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶערֵיינִיגְט נָאךְ שְׁטַאלְן! – אוּן הָאט אַיינְגֶעזַאמְלְט ׳זֶעקְס גִילְדְן׳! – אוּן עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִיז וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן! – הָאט עֶר וִוידֶער גֶעזֶעהְן דָאס אַלֶעס! – אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

דֶערְנָאךְ אִינְדֶערְפְרִי: הָאט עֶר וִוידֶער בַּאגְלֵייט דֶעם ׳מֶלֶךְ׳! – הָאט אִים דֶער ׳מֶלֶךְ׳ וִוידֶער גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! – הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה!

אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: ״אַז מְ׳זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, צוּ רֵיינִיגְן קַיין שְׁטַאלְן״!

**[אות ה]** אִינְדֶערְפְרִי: אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען זוּכְן צוּ ׳רֵיינִיגְן שְׁטַאלְן׳! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז מְ׳זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ צוּ רֵיינִיגְן שְׁטַאלְן״!

אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ פַארְדִינְגֶען פַאר אַ ׳סָאלְדַאט׳, בַּיי דֶעם ׳מִינִיסְטֶער׳ וָואס נֶעמְט ׳סָאלְדַאטְן׳ צוּם ׳מֶלֶךְ׳! – וַוייל סְ׳אִיז פַארְהַאן ׳סָאלְדַאטְן׳ וָואס מֶען נֶעמְט זֵיי מִיט גֶעוַואלְד, וָואס סְ׳קוּמְט פוּן דִי מְדִינָה פַארְן ׳קֶענִיג׳; אוּן סְ׳אִיז פַארְהַאן ׳סָאלְדַאטְן׳ וָואס מֶען דִינְגְט זֵיי!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ פַארְדִינְגֶען פַאר אַ ׳סָאלְדַאט׳! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַ ׳תְּנַאי׳ מִיטְן ׳מִינִיסְטֶער׳: – 1) ״אַז עֶר פַארְדִינְגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אֵייבִּיג, נָאר אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע צַייט! – 2) אוּן אוֹיךְ: אַז יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי, זָאל עֶר אִים בַּאצָאלְן פַאר דֶעם טָאג״!

אוּן דֶער ׳מִינִיסְטֶער׳, הָאט אִים תֵּיכֶף אָנְגֶעקְלֵיידְט מִיט דִי ׳קְלֵיידֶער׳ פוּן אַ ׳סָאלְדַאט׳! – אוּן הָאט אִים אָנְגֶעהָאנְגֶען אַ ׳שְׁוֶוערְד׳ אִין דֶער זַייט! – אוּן עֶר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט וואוּ עֶר הָאט בַּאדַארְפְט!

דֶערְנָאךְ פַארְנַאכְט: אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּהְן זַיין אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ דִי ׳[סָאלְדַאט] קְלֵיידֶער׳, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט וִוידֶער גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה! – אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ!

*

אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען זֶעהְן! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: ״אַז אַלֶעס אִיז צוּגֶעגְרֵייט, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ״! – אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין זַיין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט דָארְטְן אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! – אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר! – הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַלֶעס אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

*

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער ׳מֶלֶךְ׳, אוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם ׳מִינִיסְטֶער׳, אוּן עֶר הָאט אִים בַּאפוֹילְן: ״אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַוייגְן צוּ צָאלְן פוּן דִי קַאסֶע פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶעם טָאג״!

**[אוֹת ו]** אִינְדֶערְפְרִי: אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם 'מִינִיסְטֶער': "אַז עֶר זָאל אִים בַּאצָאלְן פַאר דֶעם טָאג"! – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט!

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ דָאךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט דִיר אַ תְּנַאי: אַז דוּ זָאלְסְט מִיר צָאלְן אַלֶע טָאג"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען: אַז הַיינְט זָאל מֶען נִישְׁט צָאלְן פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ"! – אוּן וָואס עֶר הָאט מִיט אִים גֶעטַעֲנֶה'ט, הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן!

הָאט אִים דֶער 'מִינִיסְטֶער' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דִיר בֶּעסֶער בַּאצָאלְן מָארְגְן, אוֹיף צְוֵויי טֶעג, אוּן הַיינְט קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט בַּאצָאלְן"!

*

וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהְן?! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אָפְּגֶעבְּרָאכְן אַ 'שְׁטִיקְל' פוּן דֶעם 'שְׁוֶוערְד', אוּן הָאט פַארְרָאכְטְן אִיר פְלַאץ מִיט אַ 'שְׁטִיקְל הָאלְץ', אַז אוֹיסְנְוֶוייניג הָאט מֶען דָאס גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענְט! – אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט פַארְ'מַשְׁכְּנְ'ט דָאס 'שְׁטִיקְל שְׁוֶוערְד', אוּן הָאט וִוידֶער גֶעקוֹיפְט דִי גַאנְצֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] סְעוּדָה! – אוּן דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה!

*

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דִי שִׂמְחָה אִיז בִּשְׁלֵימוּת אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר"! – אִיז עֶר וִוידֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ, אוּן הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר!

הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט אָפְּבְּרֶעכְן דֶעם 'שְׁפִּיץ' פוּן דֶעם 'שְׁוֶוערְד' וָואס לִיגְט אִינֶעם 'שֵׁיידְל' פוּנֶעם 'שְׁוֶוערְד'; אוּן עֶר הָאט דָאס פַארְ'מַשְׁכְּנְ'ט, כְּדֵי צוּ קוֹיפְן דִי סְעוּדָה; אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט פַאר דֶעם טָאג, וֶועל אִיךְ דַאן אוֹיסְלֵייזְן דֶעם 'שְׁפִּיץ', אוּן אִיךְ וֶועל פַארְרֶעכְטְן דֶעם 'שְׁוֶוערְד'; אוּן דָאס וֶועט זִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען, וַוייל אִיךְ קֶען דָאךְ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע זַאכְן וָואס זֶענֶען קַאלְיֶע גֶעוָוארְן; אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' וֶועט נִישְׁט הָאבְּן דֶערְפוּן קַיין שׁוּם שָׁאדְן"!

**[אוֹת ז]** אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶערוּפְן דֶעם 'מִינִיסְטֶער', אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט: "וִוייבַּאלְד סְ'אִיז פַארְהַאן אֵיינֶער וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה', דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ רוּפְן דֶעם 'סָאלְדַאט' וָואס דוּ הָאסְט אִים גֶעדִינְגֶען עֶר זָאל זַיין אַ 'סָאלְדַאט', אוּן זָאלְסְט דַוְקָא אִים בַּאפוֹילְן: אַז עֶר זָאל אָפְּשְׁנַיידְן דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער מִינִיסְטֶער, אוּן הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן! – אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעקוּמֶען פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ'!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט בַּאפוֹילְן: "אַז סְ'זָאלְן זִיךְ אַיינְזַאמְלְן אַלֶע 'שָׂרִים' – כְּדֵי זֵיי זָאלְן זֶעהְן דָאס דָאזִיגְן 'גֶעלֶעכְטֶער': אַז סְ'אִיז גֶעפוּנֶען גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט אוֹיף דֶעם פְלַאץ פוּנֶעם 'שְׁוֶוערְד', אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אַ 'שְׁטִיקְל הָאלְץ'"!

*

אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַארְן 'מֶלֶךְ', אוּן אִיז גֶעפַאלְן צוּ זַיינֶע פִיס, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ! אוֹיף וָואס רוּפְט מֶען מִיךְ"?! – הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזָאגְט: "כְּדֵי אָפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אִים: "אַז אַזוֹי־וִוי עֶר הָאט נָאךְ קַיינְמָאל אִין זַיין לֶעבְּן, נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט, זָאל עֶר דֶערִיבֶּער רוּפְן דֶערְצוּ אַ אַנְדֶערְן"! – הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דַוְקָא נָאר עֶר, מוּז אַצִינְד פַארְגִיסְן דָאס בְּלוּט, פוּן דֶעם וָואס אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם 'מֶלֶךְ': "אִיז דֶען שׁוֹין דָא דֶערוֹיף אַ 'קְלָארֶער פְּסַק־דִין'"? – טָאמֶער אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר דֶער 'דִין', אַז עֶר אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'? – אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ קַיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט – מִכָּל־שֶׁכֵּן אִיךְ זָאל פַארְגִיסְן אַזַא בְּלוּט, וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט קְלָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז 'חַיָּיב מִיתָה'"!

הָאט אִים דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זִיכֶער אִיז שׁוֹין קְלָאר דֶער 'דִין', אַז עֶר אִיז 'חַיָּיב מִיתָה' – וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין זִיכֶער דָא דֶערוֹיף אַ 'פְּסַק' (מְ'רוּפְט דָאס: 'דֶעקְרִיט')! אוּן אַצִינְד, נָאר דוּ דַוְקָא מוּזְט פַארְגִיסְן זַיין בְּלוּט"!

*

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט פוּעֶלְן בַּיי דֶעם 'מֶלֶךְ'"! – הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ', אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט! אִיךְ הָאבּ נָאךְ קַיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט פַארְגָאסְן קַיין בְּלוּט; אוּן אוֹיבּ דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט 'חַיָּיב מִיתָה', בֶּעט אִיךְ דִיר: אַז פוּן דֶעם 'אַייזְן' פוּן דִי 'שְׁוֶוערְד', זָאל וֶוערְן 'הָאלְץ'"!

אוּן עֶר הָאט אַ כַאפּ גֶעטוּהְן דִי 'שְׁוֶוערְד', אוּן אִיר אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן אִיר 'שֵׁיידְל'! – הָאבְּן אַלֶע גֶעזֶעהְן: "אַז סְ'אִיז גָאר 'הָאלְץ'"! – אִיז דָארְט גֶעוָוארְן אַ 'גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער'!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז אַזַא שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ"! – הָאט עֶר אִים אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט לְשָׁלוֹם!

בס"ד


בָּרוּךְ שׁוֹמֵר הַבְטָחָתוֹ
זִכְרוֹנוֹת פוּן ר' חַיִּים בֵּירֶךְ רוּבִּינְזוֹן זַצַ"ל
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד
צְוֵויי֠טֶער קַאפִּיטְל


בֵּירֶךְ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי דִי שִׁעוּרִים פוּן ר' אַבְרָהָם יִצְחָק ווַייסְזָאנְד הי"ד
אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ הַהוֹלְכִים בְּתוֹרַת ה'
בֵּירֶךְ, דוּ קֶענְסְט ווַייטֶער גֵיין דַיין דֶרֶךְ
הָא טַאטֶע, אִיךְ פְרֵיי מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק
עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן גֶערֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי ווֶעלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער אַרוּם אוֹסְטְרוֹבְצֶא
טַאטֶע, הֶעלְף מִיר! אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ
הָאסְט גֶעהֶערְט בֵּירֶךְ? עֶס גֵייט זַיין אַ גְרוֹיסֶער קִבּוּץ, שַׁבָּת אִין לוּבְּלִין
אַזוֹי?! אֶפְשָׁר דָארְט ווֶעל אִיךְ קֶענֶען דְרִיקְן דֶעם "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן",
עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט ווִי מֶען מֵיינְט, סְ'אִיז ווִינְטֶער, אַזַא פְרָאסְט, אוֹיךְ קוּמְט יֶעצְט פָאר אַ קְרִיג מִיט דִי רוּסְן, סְ'אִיז מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת צוּ פָארְן יֶעצְט
בּוּם
בּוּם

לגאמיר זיך פאר הערן

בטחון, ביטחון דאס איז א לעבן אן קיין דאגות
הערט דעם ניגון, גלייך נאך די בחינות.



# בחינה אויף ספורי מעשיות
# "מעשה מבטחון"

**א. ווען הא דער רבי דערציילט די מעשה פון בטחון?**
- ❑ ד' אלול תקס"ו
- ❑ ביינאכט צו ד' אלול תקס"ו
- ❑ ביינאכט צו ד' אלול תקס"ז

**ב. וואס האט דער קעניג געטראכט? אויב ער קען טרעפן?**
- ❑ איינער וואס איז שטארקער פון אים
- ❑ איינער וואס האט א שענערע פאלאץ פון אים
- ❑ איינער וואס האט ווייניגער דאגות פון אים

**ג. וואס האט דער קעניג געהערט פון די הייזער?**
- ❑ די זארגען (דאגות) פון יעדעם
- ❑ ווי מענטשן ארבעטן
- ❑ אז יעדער איז פריילין

**ד. וויאזוי האט אויסגעזעהן די נידריגע הויז?**
- ❑ די פענסטערס נידריג נאנט צו דער ערד
- ❑ די דאך איז צובראכן און פאלט איין
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט ער געזעהן אינעווייניג?**
- ❑ ווי איינער זיצט אינגאנצן פארזארגט און טרויעריג
- ❑ ווי איינער שפילט אויף א פייפער און איז זייער פריילין
- ❑ ווי איינער שפילט אויף א פידל און איז זייער פריילין

**ו. וואס נאך איז געווען דארטן?**
- ❑ ברויט און וואסער
- ❑ ווייין און נאך מיני עסן
- ❑ נאר וואסער

**ז. וואס האט דער קעניג געטון?**
- ❑ ער איז אריין און געגעבן שלום
- ❑ ער איז זיך ווייטער געגאנגען
- ❑ ער איז געבליבן אינדרויסן הערן ווי ער זינגט

**ח. וואס דערציילט דער מענטש פון וואו האט ער געלד פאר די סעודה?**
- ❑ אז ער גנב'ט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה
- ❑ אז ער בארגט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה
- ❑ אז ער פארעכט כלים און פארדינט 5-6 רענדלעך און קויפט זיך די סעודה

**ט. וויאזוי האט עס דער קעניג פרובירט צו שטערן?**
- ❑ ער האט גוזר געווען אז יענע טאג טאר מען נישט באצאלן פאר א ארבעטער
- ❑ ער האט גוזר געווען אז מ'טאר נישט געבן פאר א אנדערן צו פארעכטן כלים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט דער מענטש געטון ווען ער האט געהערט די גזירה?**
- ❑ ער איז געווארן בעצבות ביז ער האט געטראפן געלד צו קויפן די סעודה
- ❑ ער האט געשריגן אקעגן די שטוב פון קעניג ביז ער האט אים געגעבן געלד פאר די סעודה
- ❑ עס איז אים געווארן שלעכט אין זיינע אויגן אבער ער האט זיך פארזיכערט אין באשעפער און דער אויבישטער האט אים געהאלפן ער האט געטראפן ביי וועם צו האקן האלץ

**יא. וואס איז די לשון וואס דער רבי זאגט אויף די סעודה?**
- ❑ און די סעודה איז געווען א קליין סעודה'לע
- ❑ און די סעודה איז געווען א סעודה
- ❑ און די סעודה אין געווען גאר גוט

**יב. וואס האט דער קעניג געטון נאכדעם וואס ער האט געזעהן אז ער האט אים נישט געקענט צושטערן די סעודה?**
- ❑ ער האט גוזר געווען אז מ'טאר נישט פארקויפן די עסנס וואס ער האט געהאט ביי זיין סעודה
- ❑ ער האט גוזר געווען אז מ'טאר נישט געבן פאר א צווייטן צו האקן האלץ
- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**יג. וואס האט דער קעניג געטון ווען ער האט געהערט אז ער האט געריינִיגט א שטאל און אזוי געהאט געלד פאר די סעודה?**
- ❑ ער האט גוזר געווען אז יענע טאג טאר מען נישט באצאלן פאר א ארבעטער
- ❑ ער האט גוזר געווען אז מ'טאר נישט געבן פאר א צווייטן צו רייניגן א שטאל
- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**יד. וואס האט דער קעניג געטון ווען ער האט געהערט אז ער האט זיך פארדינגען פאר א סאלדאט און אזוי געהאט געלד פאר די סעודה?**
- ❑ ער האט געזאגט פאר די מיניסטער אז ער טאר קיינעם נישט באצאלן יענע טאג
- ❑ ער האט געזאגט פאר די מיניסטער אז ער טאר מער קיינעם נישט באצאלן פאר די ארבעט
- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון צו שטערן פאר דער מענטש

**טו. וואס האט דער מענטש געטון ווען דער מיניסטער האט אים נישט געוואלט באצאלן?**
- ❑ ער האט פאר'משכנ'ט די אייזען פון די שווערד און געקויפט די סעודה
- ❑ ער האט נאכאמאל אנגעהויבן פארעכטן כלים
- ❑ ער איז געווארן בעצבות און נישט געהאט יענע טאג וואס צו עסן ר"ל

**טז. וואס האט דער קעניג געזאגט פאר דער מיניסטער?**
- ❑ אז איינער פון די סאלדאטן זאל אפשניידן די קאפ פון דער וואס איז חייב מיתה
- ❑ אז דער מענטש זאל אפשניידן די קאפ פון דער וואס איז חייב מיתה
- ❑ אז ער זאל פארשיקן דער מענטש פון צו זיין א סאלדאט ביי אים

**יז. וואס האט דער מענטש געזאגט פאר'ן באשעפער?**
- ❑ אז איך האב קיינמאל נישט פארגאסן בלוט מאך א נס אז דער וואס איז חייב מיתה זאל אליין שטארבן
- ❑ אז איך האב קיינמאל נישט פארגאסן בלוט מאך א נס אז זיין האלז זאל ווערן הארט ווי א שטיין
- ❑ אז אויב דער מענטש איז נישט חייב מיתה זאל די שווערד ווערן האלץ

**יח. וואס האט דער קעניג ביים סוף געטון?**
- ❑ ער האט אים איינגעשפארט אין תפיסה
- ❑ ער האט אים געמאכט פאר א מיניסטער
- ❑ ער האט אים אהיימגעשיקט לשלום


צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,

קלינג:

02-5-3333-72

646-518-1095

צו מנדב זיין פאר דער גליון לכבוד א שמחה / לע"נ ביטע זיך פארבינדן אויפן טעלעפאן

058-323-3287

L3233287@gmail.com

דער גליון איז נתנדב געווארן לזכות החתן החאלאקע חיים זכרי' צבי בן מרים להצלחה וברכה

החתן החאלאקע אליעזר שלמה בן לאה שעניא להצלחה וכל מילי דמיטב





## פינף מינוט צייט
## *א מעשה'לע* פון רבי'נס לייט

**צו הערן די מעשה און אריינגיין אין גורל קלינגט אין טעל-ליין און דריקט נומער 2 2**

**אויב דו האסט פארציילט די מעשה ביים שבת טיש**

**קענסטו אריין אין גורל דורך דריקן 23**